# מטות-מעשׂי 5757

## צירל-אסתּר קוזניץ

הײַנטיקע וואָך לייענען מיר אַ טאָפּעלע פּרשה, מטות-מעשׂי. אין די צוויי פּרשת דערמאָנען זיך אַ סך פֿאַרשיידענע ענינים און טעמעס, וואָס איך וועל נאָר אַרומרעדן עטלעכע פֿון זיי.

אין פּרשת מטות לייענען מיר אַז נאָכן נצחון איבער די מדינים האָבן צוויי שבֿטים, ראובֿן און גד, געבעטן משהן זיי זאָלן נישט באַקומען לאַנד אין ארץ-ישׂראל גופֿא, נאָר בלײַבן בײַם מזרח צד פֿונעם ירדן: [איך גיב איבער תּרגום יהואש] "און די קינדער פֿון ראובֿן און די קינדער פֿון גד האָבן געהאַט פֿיל פֿי [בהמות], זייער אַ סך, און זיי האָבן געזען דאָס לאַנד יזר און דאָס לאַנד גלעד, ערשט דער אָרט איז אַן אָרט פֿאַר פֿי. זײַנען די קינדער פֿון גד און די קינדער פֿון ראובֿן געקומען, און זיי האָבן געזאָגט צו משהן, און צו אלעזר דעם כּהן, און צו די פֿירסטן פֿון דער עדה, אַזוי צו זאָגן: ... דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט געשלאָגן פֿאַר דער עדה פֿון ישׂראל, איז אַ לאַנד פֿאַר פֿי, און דײַנע קנעכט האָבן פֿי. און זיי האָבן געזאָגט: אויב מיר האָבן געפֿונען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, זאָל דאָסדאָזיקע לאַנד געגעבן ווערן דײַנע קנעכט צום אייגענטום; זאָלצו אונדז ניט אַריבערפֿירן דעם ירדן." (32:1-5) משה פֿרעגט אויב זיי האָבן אין זינען צו קעמפֿן פֿאַר ארץ-ישׂראל צוזאַמען מיט די אַנדערע שבֿטים, און זיי ענטפֿערטן אַז יאָ, אָט מיט די ווערטער: "שאָפֿגעהעפֿטן פֿאַר אונדזער פֿי וועלן מיר דאָ בויען, און שטעט פֿאַר אונדזערע קליינע קינדער. אָבער מיר אַליין וועלן זײַן גרייט באַוואָרפֿנט פֿאַרויס פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל, ביז וואַנען מיר האָבן זיי געבראַכט אויף זייער אָרט ... " (32:16-17)

די צאינה-וראינה גיט איבער אַ מדרש, אַז ראובֿן און גד האָבן נישט געהאַט מער בהמות פֿון די אַנדערע שבֿטים. פֿאַרוואָס דען שטייט געשריבן אַז זיי האָבן געהאַט "פֿיל פֿי, זייער אַ סך"? ווײַל זיי האָבן מער וויכטיקייט געלייגט אויף זייערע בהמות, זייער פֿאַרמאָג. זאָגט דער מדרש ווײַטער, אַז דערפֿאַר האָבן זיי געענטפֿערט משהן ערשטנס, אַז זיי וועלן בויען "שאָפֿגעהעפֿטן פֿאַר אונדזערע פֿי," און נאָר דערנאָך "שטעט פֿאַר אונדזערע קליינע קינדער." דאָס באַווײַזט אַז זיי האָבן מער זאָרג געהאַט פֿאַר זייערע בהמות איידער פֿאַר זייערע קינדער.

משה איז יאָ מסכּים געווען מיטן פֿאַרשלאָג פֿון ראובֿנען און גדן, אַז זיי זאָלן בלײַבן מעבֿר-לירדן אויב זיי וועלן קעמפֿן פֿאַרן לאַנד צוזאַמען מיט די אַלע בני ישׂראל. אָבער ער איז נישט געווען צופֿרידן מיט די ווערטער פֿון זייער צוזאָג. ענטפֿערן האָט ער געענטפֿערט בזה הלשון: בויט אײַך שטעט פֿאַר אײַערע קליינע קינדער, און געהעפֿטן פֿאַר אײַערע שאָף, אָבער וואָס איז אַרויס פֿון אײַער מויל זאָלט איר טאָן." (32:24) אין סוישעס ענטפֿער זײַנען די צוויי פֿראַזעס איבערגעביטן. ער האָט גערעדט ערשטנס וועגן די קינדער, כּדי צו דערמאָנען ראובֿנען און גדן אַז די קינדער זײַנען די וויכטיקסטע, ניט די בהמות און די שאָף.

די צוויי שבֿטים האָבן פֿאַרשטאַנען סוישעס כּוונה, דערפֿאַר האָבן זיי דערנאָך געזאָגט, "אונדזערע קליינע קינדער, אונדזערע ווײַבער, אונדזערע פֿי, און אַלע אונדזערע בהמות, וועלן זײַן דאָרטן אין די שטעט פֿון גלעד." (32:26)

דאָס באַווײַזט אַז זיי האָבן געלערנט אַז זײַערע משפּחות זײַנען טײַערערע ווי זייערע פֿאַרמאָגן.

משה האָט באַשלאָסן אַז דער חצי-שבֿט מנשה זאָל אויך בלײַבן מיט ראובֿנען און מיט גדן בײַם מזרח-צד ירדן. אַ מדרש גיט צו, אַז ער האָט אַזוי געטאָן כּדי צו פֿאַרשטאַרקן אָט דעם חלק פֿונעם פֿאָלק, וואָס וועט וווינען ווײַט פֿון די אַנדערע שבֿטים און פֿונעם בעת המיקדאַש אין ירושאַלײַעם. דאַכט זיך אַז משה איז נאָך אַלץ געווען חושד אַז ראובֿן און גד זײַנען נישט די ערלעכסטע צווישן די בני ייִרסאָעל, און האָט מורא געהאַט פֿאַר זייערע אָפּהיטן די תּורה.

מיר לערנען ווײַטער אַז אין דער צײַט פֿון גלות זײַנען ראובֿן און גד געווען די ערשטע וואָס זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿונעם לאַנד. אַזוי האָט הקדוש ברוך הוא זיי באַשטראָפֿן פֿאַר דעם וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביזן אַרײַנקומען אין ארץ-ישׂראל כּדי צו באַקומען זײַער לאַנד, לויט דעם פּסוק אין משלי: "אַ נחלה [ירושה] וואָס קומט אָן גיך אין אָנהייב, וועט איר סוף זײַן ניט געבענטשט." (20:21)

אונדזער צווייטע פּרשה, פּרשת מעשׂי, הייבט זיך אָן מיט אַ לאַנגער רשימה פֿון די אַלע ערטער וואָס די בני ישׂראל זײַנען דורכגעגאַנגען אין דער מדבר זינט יציאת-מצרים. די צאינה-וראינה ברענגט עטלעכע סיבות פֿאַרוואָס די תּורה

פֿאַרשרײַבט אַזוי פֿיל נעמען: די נעמען פֿון די ערטער זאָל אונדז דערמאָנען ווי שווער און ביטער איז געווען אונדזער נע-ונד אין דער מדבר, וואָס די ייִדן האָבן נישט געקענט איבערקומען אָן דעם שיץ פֿון הקוידעסך ברוך הוא. בײַם לייענען די נעמען זאָלן מיר דערפֿאַר געדענקן וויפֿל נסים האָט הקוידעסך ברוך הוא געטאָן פֿאַר אונדז אין דער מדבר. די צאינה-וראינה דערציילט אַ משל וועגן אַ מלך וואָס פֿאָרט מיט זײַן קראַנקען זון זוכן אַ רפֿואה. בעת זײַער נסעיה צוריק אַהיים ווײַזט אָן דער מלך אויף אַלע שטעט ווו דער זון איז געווען קראַנק און האָט געהאַט אַלעריי שוועריקייטן, ווײַל ער איז אַזוי דאַנקבאַר וואָס דער זון האָט אַלץ איבערגעלעבט און איז איצט געזונט.

די באַשרײַבונג פֿון די וואַנדערונגען אין מדבר הייבט זיך אָן אַזוי: "דאָס זײַנען די ציונגען פֿון די קינדער פֿון ייִראָעל, וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון לאַנד מצרים לויט זייערע מחנות אונטער דער האַנט פֿון משהן און אהרנען. און משה האָט פֿאַרשריבן זייערע אַרויסגאַנגען אויף זייערע ציונגען לויט דעם מויל פֿון גאָט; און דאָס זײַנען זייערע ציונגען און זייערע אַרויסגאַנגען." (33:1-2)

אין פסוק שטייט, "זייערע אַרויסגאַנגען אויף זייערע ציונגען" און דערנאָך "זײַערע ציונגען אין זײַערע אַרויגאַנגען." פֿאַר וואָס כאַזערט מען איבער די זעלבע זאַך מיט אַ פֿאַרקערטן סעדער? די צאינה-וראינה זאָגט אַז דאָס ערשט מאָל באַטײַט די פֿראַזע בני ישׂראלס "אַרויסגיין" פֿון מצרים צו ארץ- ישׂראל אין דער טקופֿע פֿון יציאת-מצרים, און דאָס צווייט מאָל באַטײַט זי דעם "אַרויסגיין" פֿון גלות צו גאולה אין מעשיִעכס צײַטן.

דער ספֿר אוהל יעקבֿ (וואָס איז געדרוקט געוואָרן אויף ייִדיש אין מײַן עקזעמפּלאַר פֿון דער צאינה-וראינה) גיט צו אַ מדרש וועגן אַ בחור וואָס זײַן מאַמע איז געשטאָרבן און זײַן טאַטע האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט. דער בחור האָט זייער נישט ליב די שטיף-מאַמע און וויל זייער אַוועקפֿאָרן פֿון דער היים. פֿאָרט דער טאַטע אין אַן אַנדערער שטאָט און מאַכט אַ שידוך פֿאַרן זון. דער זון איז זייער צופֿרידן, און אין אַ ווײַל אַרום פֿאָרן דער טאַטע און דער זון צוזאַמען צו דער צווייטער שטאָט אויף דער חתונה. נאָך אַ שטיקל צײַט פֿרעגט דער זון דעם בעל-עגלה, "ווי ווײַט זײַנען מיר פֿון דער היים?" נאָך אַ שעה און דער זון פֿרעגט נאָך אַ מאָל, "ווי ווײַט זײַנען מיר שוין געפֿאָרן?" און נאָך עטלעכע מאָל מיט אַזאַ פֿראַגע. סוף כּל סוף זאָגט דער טאַטע אין כּעס, "פֿאַרוואָס פֿרעגצו ווי ווײַט זײַנען מיר פֿון דער היים? דאָס מאַכט נישט אויס. זאָלצו בעסער פֿרעגן ווי ווײַט האָבן מיר נאָך צו פֿאָרן ביז מיר וועלן אָנקומען צו דער כּלה!"

דערקלערט דער פּירוש [איך מאָדערניזיר דעם אויסלייג]: "דער נמשל איז די ייִדן ווייסן ניט דאָס טײַערע לאַנד ארץ ישׂראל, זיי ווייסן נאָר אַז זיי אַנטלויפֿן פֿון מצרים. אָבער משה ווייסט ווו אַהין ער פֿירט זיי. ער ווייסט דאָס לאַנד ארץ ישׂראל איז איין טײַער לאַנד. דאָס זאָגט דער פסוק "ויכתבֿ משה אס מוצאיהם למעשׂיהם," משה האָט געשריבן "מוצאיהם," "זייער אַרויסגיין פֿון מצרים," "למעשׂיהם," "צו זייער ציונג," וויפֿל זיי האָבן נאָך צו ציִען קיין ארץ ישׂראל. אָבער בײַ די ייִדן איז געווען פֿאַרקערט, "וואלא מאַסייהעם לעמאָצאָייהעם," זיי האָבן גערעכנט דאָס ציונג צו זייער אַרויסגיין פֿון מצרים ווי פֿיל זיי האָבן אַוועקגעצויגן פֿון מצרים."

דאָס הײַסט בעקיצער, לפּי דתי, אַז מיר זאָלן נישט נאָר וויסן אונדזער אָווער, פֿון וואַנען מיר קומען, אָבער מיר מוזן אויך תּמיד האָבן אין זינען אונדזער צילן, וווהין מיר גייען.